# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



ויגש
תש"פ לפ"ק
גליון ק"א

## שאלה

**חנוכה הערן מיר אלעמאל רעדן וועגן די מסירת נפש פון די חשמונאים. וועלכע מצוה קען א מענטש נעמען אויף זיך היינטיגע צייטן עס צו טון מיט מסירת נפש?**

## ענטפער:

ס'איז א גוטער געדאנק צו נעמען אלע מצוות. אבער אויב איר זוכט איינס, דאן קוקט אין חומש: **"ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך"** – די מצוה פון אהבת השם. די מצוה איז איינס פון די מערסט-נאכגעלאזטע מצוות – ליב צו האבן השי"ת!

און אויב ווילט איר שוין אנהייבן, אן עס פארשפעטיגן, הייבט שוין אן צו טראכטן וועגן אלע זאכן וואס איז געשען צו אנדערע מענטשן. עס זענען דא אזוי פיל זאכן וואס איז געשען צו אנדערע מענטשן און איז נישט געשען צו דיר.

האב ליב דעם אויבערשטן אז דו האסט קיינמאל נישט געהאט קיין אפעראציע אויף די אויגן. דאס איז גענוג סיבה אים ליב צו האבן. האסט קיינמאל געהאט קיין אויג-אפעראציע?! אן אויג-אפעראציע מיינט אז מען דארף גיין מיט א באנדאדזש אויף די אויגן פאר אסאך וואכן. איר קענט זאגן "ברוך השם. איך האב דיר ליב באשעפער אז איך האב קיינמאל נישט געהאט קיין אויג-אפעראציע."

אסאך מענטשן האבן נאך קיינמאל נישט געהאט קיין צעבראכענע ביין – זיי דארפן ליב האבן השי"ת פאר דעם. "שומר כל עצמותיו" – ער היט אויף אלע זיינע ביינער, "אחת מהנה לא נשברה" – קיין איינס פון זיי האט זיך נישט צעבראכן (תהלים ל"ד, כ"א). האט איר שוין אמאל געטראכט דערוועגן? איר האט נאך קיינמאל אין לעבן זיך נישט צעבראכן א ביין?! יא, עס זענען דא מענטשן וואס האבן זיך נאך קיינמאל צעבראכן א ביין. און מען דארף ליב האבן השי"ת פאר דעם.

הייבט אן יעצט; פארפאטשקעט נישט מער קיין צייט. די מצוה פון אהבת ה' פארלאנגט אלעס וואס דו האסט – מען דארף ליב האבן השי"ת "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך". אבער אויב דו גייסט עס נישט טון, **כאטש אביסל** קענסטו ליב האבן דעם אויבערשטן. און ס'איז נישט צו שווער. אויף א קליינע מדריגה איז עס זיכער מעגליך. אודאי, אויב איר ארבעט דערויף, וועט איר ווערן מער און מער א מומחה.

אויב זענט איר אינטערעסירט אין מסירת נפש, אויב איר שטרעבט אנצונעמען איין מצוה און עס טון "בכל נפשך", מיט מסירת נפש, איז עס דאס! און מאכט ביי אייך שוין אפ אז ווען איר וועט זיין 119 יאר, און 11 חדשים און 29 טעג – איר האט נאך איין טאג צום לעבן, איז איר וועט טראכטן "די צייט איז שוין אויסגעלאפן? איז עס יושר? איך וואלט געדארפט לעבן נאך טויזנט יאר. איך דארף שוין אוועקגיין פון דער וועלט? איך האב קיינמאל נישט פארשפראכן אוועקצוגיין פון דער וועלט. איך האב מיך קיינמאל נישט איינגעשריבן אין די חברה שטארבערס. פארוואס זאל איך דארפן איבערלאזן די וועלט?" אין יענעם מאמענט זאלט איר טראכטן "רבוש"ע, איך האב דיר ליב סיי-וויאזוי. אפילו דו נעמסט מיך יעצט, איך האב דיר ליב!"

יעצט האלט דאס אין מח, רבותי. אין אייער לעצטע מינוטן, טראכט די מחשבה: "דו נעמסט אוועק מיין לעבן, באשעפער - איך האב דיר ליב מיט דעם אלעם." די גמרא זאגט בכל נפשך מיינט "אפילו בשעה שנוטל את נפשך" – אפילו ווען ער נעמט אוועק דיין לעבן דארף מען אים ליב האבן. "איך האב דיר ליב, אפילו אזוי!" אה, עס איז א מורא'דיגער זכות אויב איר וועט אזוי טראכטן. איר זענט גליקליך אז איר זענט היינט געקומען בלויז צו הערן דאס – זיך

צו מאכן גרייט פאר אייערע לעצטע מינוטן.

בעט צו השי"ת אז איר זאלט נישט זיין אין א קאמע אין די לעצטע מינוטן; אז איר זאלט האבן דעם פולן באוואוסטזיין. און אין אייערע לעצטע מינוט, תיכף בעפאר איר נעמט דעם לעצטן אטעם, זאלט איר זאגן, "איך האב דיר ליב באשעפער."

אודאי, ווארט נישט ביז דעמאלטס. ווארט נישט, **ווארט נישט!!** פראקטיצירט עס פון פאראויס. עס איז נישט אזוי גרינג ווען א מענטש האלט פאר'ן שטארבן ליב צו האבן השי"ת. בשעת מען איז נאך געזונט – דו גייסט אויפ'ן גאס און דו אטעמסט לופט, דו ביזט פול מיט עסן און דיין בלוט קורסירט אין דיינע אדערן, יעצט איז די צייט זיך צו לערנען ליב צו האבן דעם אויבערשטן. אז איר וועט עס פראקטיצירן אויף דעם וועג, וועט עס זיין גרינגער אין אייערע לעצטע מינוטן.

אין יענעם לעצטן מינוט, וועט איר קונה זיין א **זכות גדול עד לשמים** – אן אויסטערלישן זכות! און דאס ווערט גערופן שטארבן אויף מסירת נפש, מיט אהבת השם. (טעיפ E-5)

## שאלה

### פארוואס איז א זיבעטל פון ש"ס בבלי "אגדתא", וואס ענטהאלט מוסר, מעשיות און עצות?

## ענטפער:

די גמרא איז אונז נישט געגעבן געווארן סתם אלס א געזעץ-בוך. די גמרא איז **א וועג פון לעבן**. דערפאר זאגט עס אונז וואס מיר דארפן וויסן צו קענען לעבן.

עס איז די זעלבע שאלה וואס איר קענט פרעגן ווען איר זעט א מענטש. פארוואס איז דארט דא אזא געמיש? ס'איז דא בלוט, צאמגעמישט מיט פלייש און ביינער, אלע זאכן צאמגעמישט. וואלט נישט בעסער געווען ווען עס וואלט געווען אלע ביינער אויף איין פלאץ, א באקס פון ביינער, און דא א באקס פלייש, און א גרויסע פלעשל בלוט... די פלעשער זענען אויף די פאליצע, אבער מיר וואלטן נישט געלעבט!

כדי די גמרא זאל לעבן דארף עס האבן א געמיש פון אלע זאכן. מען דארף האבן היסטאריע. אויב דו פארשטייסט נישט היסטאריע פון א תורה'דיגן שטאנדפונקט ביזטו א קריפל, א גייסטישער קריפל. וועגן דעם, די בחורים וואס לערנען גמרא און לאזן אויס די אגדתא זענען גייסטישע קאליקעס. נישט נאר בחורים, אפילו ראשי ישיבות וועלכע היפן איבער אגדתא זייער גאנץ לעבן, זיי לערנען נאר די הלכה, זיי **פארשטייען נישט** וואס תורה איז. ווייל תורה איז איין גרויסער גוף מיט **אסאך חלקים** וואס גייען צוזאמען און מאכן עס פאר איין זאך.

דו דארפסט האבן דרך ארץ, מדות טובות, און די אגדתא איז פול דערמיט. דו דארפסט האבן תנ"ך. תנ"ך איז די **נשמה** פון די גמרא. די מדרשים וואס די גמרא ערקלערט, זענען מסביר זאכן, זיי דערלייכטן און עפענען די אויגן. און דו דארפסט האבן געזונט. אויב מענטשן האבן נישט קיין אנווייזונגען וויאזוי צו לעבן ריכטיג, וועלן זיי נישט קער נעמען פון זיך, און ווי דער רמב"ם זאגט "מען קען נישט זיין קיין עבד השם אויב דער גוף איז נישט געזונט."

במילא דארף מען אלע זאכן אינאיינעם, און דעריבער איז עס צאמגעמישט. די אגדתא איז נישט אין א באזונדערן ספר, ס'איז אלעס אויסגעמישט. און בשעת מען לערנט גמרא קומט מען אן צו **אינזלען** פון אגדתא, מען דערפרישט זיך די נשמה, מען באקומט וואס מען דארף און מען גייט ווייטער צו די גמרא, צו די טעכנישע הלכות.

דאס איז די וואונדערבארע פלאן וואס די גרויסע מוחות אין רב אשי'ס ישיבה האבן פארענדיגט. עס איז נישט קיין צופאל, ס'איז נישט קיין מקרה; תלמוד בבלי איז אויספלאנירט מיט אויסטערלישע חכמה.

עס איז אזוי ווי איינער וואס וויל טון א גוטע ארבעט, און ער נעמט ארויס פון די מעל אלע וויטאמינען. מען קען עס טון מיט'ן דורכזיפן די מעל, מען נעמט ארויס די קלייבן און מען לאזט איבער נאר די ווייסע מעל. עס קוקט אויס הערליך. ער באקט א חלה, און דא האט ער א חלה וואס האט גארנישט חוץ "סטארטש", אבער עס איז גארנישט דא דערין; קיין שום וויטאמינען, קיין שום מינעראלן. אויב דו עסט עס, וואס גייט געשען צו דיר? דערפאר דארף מען צוריקלייגן די וויטאמינען נאכאמאל, דאס טוט מען היינט.

היינט ווען איר לערנט גמרא אן די אגדתא איז עס ווי עסן די סטארטש אן די וויטאמינען. וועגן דעם האט מען איינגעפירט צו לערנען מוסר אין די ישיבות. מוסר איז ווי צוריקלייגן די וויטאמינען. אבער ווען דו עסט די גאנצע גמרא איז עס ווי פולע-ווייץ ברויט (whole wheat), אזוי ווי דער אויבערשטער האט עס אויספלאנירט. ער האט עס געמאכט פולע-ווייץ, אלע גוטע זאכן זענען דארטן.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**